UNITED STATES DEPARTMENT OF EDUCATION
OFFICE FOR CIVIL RIGHTS

אַסיסטענט סעקרעטאַר

דעם 25טן מאַי, 2023

טייערער קאָלעגע:

ווי מיר זענען עדות צו אַן אויפשטייג אין באַריכטן וועגן אַנטיסעמיטישער באַלעסטיגונג איבער'ן גאַנצן לאַנד, אַריינגערעכנט אין שולעס,[1] שרייב איך אייך צו דערמאָנען וועגן דער געזעצליכער פאַרפליכטונג מצד די שולעס אונטער טיטל זעקס פונעם בירגעררעכט אַקט פון 1964 צוזושטעלן פאַר אַלע שילער, אַריינגערעכנט אידישע, אַ סביבה אין דער שולע פריי פון דיסקרימינאַציע באַזירט אויף ראַסע, קאָליר, אָדער נאַציאָנאַליטעט, אַריינגערעכנט געמיינזאַמען אָפּשטאַם אָדער עטנישע שטריכן.

פריער אין היינטיגן יאָר האָט דער אַמט פאַר בירגעררעכט פונעם דעפּאַרטמענט פון דערציאונג אַרויסגעגעבן אַ ידיעות בלעטל — **באַשיצן תלמידים פון דיסקרימינאַציע באַזירט אויף געמיינזאַמען אָפּשטאַם אָדער עטנישע שטריכן** — וואָס האָט דערקלערט וויאַזוי די באַשיצונג פון טיטל זעקס פאַר דיסקרימאַניצע לויט ראַסע, קאָליר, אָדער נאַציאָנאַליטעט מצד פּראָגראַמען אָדער אַקטיוויטעטן וואָס באַקומען פינאַנציעלע שטיצע פון דער פעדעראַלער רעגירונג, איז חל אויף שילער וואָס ווערן דיסקרימינירט אָדער געטשעפּעט איבער זייער פאַקטישע אָדער געדאַכטע: (א) געמיינזאַמען אָפּשטאַם אָדער עטנישע שטריכן; אָדער (ב) בירגערשאַפט אָדער איינוואוינערשאַפט אין אַ לאַנד מיט אַ דאָמינאַנטער רעליגיע אָדער אַ דיסטינקטיווער רעליגיעזער אידענטיטעט.[2]

טיטל זעקס באַשיצט אַלע שילער, אריינגערעכנט אַזעלכע וואָס זענען אָדער זעען אויס צו זיין אידישע, פאַר דיסקרימינאַציע באַזירט אויף ראַסע, קאָליר, אָדער נאַציאָנאַליטעט. צום ביישפּיל, דער אַמט פאַר בירגעררעכט וואָלט אפשר אויסגעפאָרשט טענות אַז שילער זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אויף זידלווערטער וועגן זייער עטנישער געהעריגקייט אָדער אָפּשטאַם; באַלעסטיגט וועגן זייער אויסזען, מלבושים, אָדער רייד אין שייכות מיט זייער עטנישער געהעריגקייט אָדער אָפּשטאַם (למשל הויט קאָליר, רעליגיעזער לבוש, די שפּראַך וואָס זיי רעדן); אָדער סטערעאָטיפּן באַזירט אויף געשפּירטע אייגנשאַפטן געטיילט פון מענטשן פון אַ געוויסער עטנישער גרופּע אָדער אָפּשטאַמונג.

שולעס מוזן אָננעמען באַלדיגע און געהעריגע מיטלען צו פאַרענטפערן באַלעסטיגונג וואָס שאַפט אַ פיינטליכע סביבה.[3] דער אַמט פאַר בירגעררעכט געפינט אין אַלגעמיין אַז אַ פיינטליכע סביבה עקסיסטירט דאָרט וואו ס'איז דאָ באַלעסטיקנדיגע

---

[1] *זען, אין אַלגעמיין, פעדעראַלע אויסשפּיר־אַגענטור* , *צוזאַב־סטאַטיסטיק וועגן שינאה־פאַרברעכנס*, 2021, מאַרץ 2023; זען אויך, אַנטידעפאַמאַציע־ליגע, *רעוויזיע פון אַנטיסעמיטישע אינצידענטן 2022*, מאַרץ 2023 (אָנערקענענדיג אַן אויפשטייג אין באַריכטן וועגן אַנטיסעמיטישע אינצידענטן אין שולעס פון קינדערגאָרטן ביזן 12טן קלאַס, און אין הויכשולן). דער דאָזיגער בריוו באַנוצט דעם טערמין שולעס אין באַציאונג צו שולן פון קינדערגאָרטן ביזן 12טן קלאַס און אינסטיטוטן פון העכערער בילדונג.

[2] *זען T.E קעגן פיין בוש סענט. שול* דיסטריקט, 58 F. Supp .3d 332, 354-55 (דרום דיסטריקט פון ניו יאָרק 2014) (אָפּטרעטנדיג די אָנווייזונג פונעם אַמט פאַר בירגעררעכט פונעם דעפּאַרטמענט פון דערציאונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן אַז דיסקרימינאַציע באַזירט אויף געמיינזאַמען אָפּשטאַם אָדער עטנישע שטריכן איז פאַרווערט דורך טיטל זעקס); זען אויך 42 U.S.C. § 2000d; 34 C.F.R. § 100.3. טיטל זעקס באַשיצט נישט שילער פון דיסקרימאַנציע באַזירט אויף רעליגיע אַליין. דער אַמט פאַר בירגעררעכט שיקט איבער טענות וועגן דיסקרימינאַציע באַזירט נאָר אויף רעליגיע צום יוסטיץ דעפּאַרטמענט פון די פ״ש, וואָס האָט יוריסדיקציע איבער דעם ענין. זען טיטל זעקס פונעם בירגעררעכט אַקט פון 1964, 42 U.S.C. § 2000c, און ווייטער.

[3] *זען, למשל, זענאָ קעגן פאַין פלעינס סענט. שול* דיסטריקט, 702 14.F.3d 655, 670 n (2טע ציר. 2012) (ציטירינדיג די „אַלט־געזעסנע געזעצליכע פליכט 'אָנצונעמען מיטלען לויט זייער מעגליכקייט צו באַזייטיגן' באַלעסטיגונג אין זייערע שולעס" מצד די שול־דיסטריקטן (ציטירנדיג די פאָרשערישע אָנווייזונג פונעם אַמט פאַר בירגעררעכט וועגן ראַסן־אינצידענטן און באַלעסטיגונג קעגן שילערס אין דערציערישע אינסטיטוציעס, 59

אויפפירונג וואָס איז געווען האַרב, פאַרשפרייט, אָדער כסדר׳דיק אַז עס שטערט אָדער באַגרענעצט די פעאיקייט פונעם יחיד אָנטייל צו נעמען אין אָדער הנאה האָבן פון די באַדינונגען, אַקטיוויטעטן, אָדער פריווילעגיעס צושטעלט פון אַ שולע.[4]

אויב אַ פיינדליכע סביבה באַזירט אויף געמיינזאַמער אָפּשטאַמונג האָט עקסיסטירט, און די שולע האָט געוואוסט אָדער געדאַרפט וויסן וועגן דער פיינדלעכער סביבה, וועט דער אַמט פאַר בירגעררעכט אָפּשאַצן צי די שולע איז נאָכגעקומען זיין חוב אונטער טיטל זעקס אָנצונעמען באַלדיגע און עפעקטיווע מיטלען שכל׳דיק אויסגערעכנט צו ברענגען אַ סוף צו דער באַלעסטיגונג, באַזייטיקן סיי וועלכע פיינדליכע סביבה און אירע עפעקטן, און פאַרמיידן אַן איבער׳חזר׳ונג פון דער באַלעסטיקונג.[5] מיט אַנדערע ווערטער, אַ שולע איז עובר אויף טיטל זעקס ווען זי נעמט נישט די געהעריגע מיטלען צו אַדרעסירן באַלעסטיגונג, ווי אַנטיסעמיטישע באַלעסטיגונג.

דער אַמט פאַר בירגעררעכט האָט אַנטוויקלט פאַרשידענע רעסורסן צו העלפן לערנען דעם ציבור וועגן דער וויכטיגקייט פון האַלטן שולעס פריי פון דיסקרימינאַציע, אַריינגענומען דיסקרימינאַציע באַזירט אויף געמיינזאַמען אָפּשטאַם אָדער עטנישע שטריכן אָדער בירגערשאַפט אָדער איינוואוינערשאַפט אין אַ לאַנד מיט אַ דאָמינאַנטער רעליגיע אָדער רעליגיעזער אידענטיטעט. ביטע זעט אַ ליסטע רעסורסן אונטן וואָס קען אייך צונוץ קומען. נאָך רעסורסן קען מען זען אויפ׳ן זייטל געמיינזאַמער אָפּשטאַם אָדער עטנישע שטריכן פונעם וועבזייטל פונעם אַמט פאַר בירגעררעכט. עלעמענטאַר און מיטעלע שולעס און דיסטריקטן מעגן אויך בעטן טעכנישע הילף פון זייער רעגיאָנעלן צענטער פאַר גלייכקייט הילף אַ פּראָגראַם פון סובווענצן געגעבן לויט׳ן איינזען פונעם אַמט פון עלעמענטאַר און מיטעלע דערציאונג, וואָס שטיצט טעכנישע הילף און טרענירונג, אויף בקשה, אין תחומים פון ראַסן, געשלעכטס, נאַציאָנאַליטעט, און רעליגיע.

אויב האָט איר פראַגעס אָדער איר וואָלט געוואָלט נאָך ידיעות אָדער טעכנישע הילף, ביטע באַזוכט אונזער וועבזייטל אויף www.ed.gov/ocr אָדער קאָנטאַקטירט דעם אַמט פאַר בירגעררעכט אויף (800) 421-3481 (TDD: 800-877-8339) אָדער אויף ocr@ed.gov.

אַ דאַנק אייך פאַר אייער התחייבות צוצושטעלן די שילער פון אונזער לאַנד אַן אַקאַדעמישע סביבה וואָס איז פריי פון דיסקרימינאַציע.

מיט דרך־ארץ,

//s

קאַטערין ע. לאַמאָן
אַסיסטענט סעקרעטאַר פאַר בירגעררעכט

---

פעד. רעג. 11448, 11450 (מאַר. 10, 1994))). פאַר מער פרטים, ביטע זעט פּאָרשערישע אָנווייזונג פונעם אַמט פאַר בירגעררעכט וועגן ראַסן־אינצידענטן און באַלעסטיגונג קעגן שילערס אין דערציערישע אינסטיטוציעס (מאַרץ 1994); אַמט פאַר בירגעררעכט פונעם דעפּאַרטמענט פון דערציאונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן, באַלעסטיגונג און בוליאינג טייערער קאָלעגע בריוו (אָקטאָבער 2010).

[4] זען, למשל, זענאָ 702 F.3d בײַ 665-66 (2טער ציר. 2012) (דערקלערנדיק אַז מ׳דאַרף אָננעמען מיטלען קעגן באַלעסטיגונג אויב ס׳איז „האַרב, פאַרשפרייט, און אָביעקטיוו גענומען באַליידיגנדיק און למעשה דיסקרימינאַטאָריש“ (ציטירנדיק דעיוויס בשם לאַשאָנאַ ד. קעגן מאָנראָ קאַונטי דערציאונגס־פאַרוואַלטונג, 526 U.S. 629, 650-51 (1999)), און אַז דיסקרימינאַטאָרישע טואונגען באַגרענעצן „אַ יחיד אויף סיי וועלכן אופן אין זיין הנאה פון סיי וועלכע טובה אָדער פריווילעגיע פון וועלכע עס געניסן אַנדערע וואָס באַקומען סיי וועלכע באַדינונג, פינאַנציעלע הילף אָדער אַנדערן בענעפיט׳ אונטער דעם שול־וועזן“ (ציטירנדיק 34 C.F.R. § 100.3(b)(1))); זען אויך פּאָרשערישע אָנווייזונג פונעם אַמט פאַר בירגעררעכט וועגן ראַסן־אינצידענטן און באַלעסטיגונג קעגן שילערס אין דערציערישע אינסטיטוציעס (מאַרץ 1994); אַמט פאַר בירגעררעכט פונעם דעפּאַרטמענט פון דערציאונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן, באַלעסטיגונג און בוליאינג טייערער קאָלעגע בריוו (אָקטאָבער 2010).

[5] זען אַמט פאַר בירגעררעכט פונעם דעפּאַרטמענט פון דערציאונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן, באַלעסטיגונג און בוליאינג טייערער קאָלעגע בריוו (אָקטאָבער 2010).

**רעסורסן:**


- U.S. Department of Education Office for Civil Rights (אַמט פאַר בירגעררעכט פונעם דעפּאַרטמענט פון דערציאונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן), ידיעות בלעטל: באַשיצן תלמידים פון דיסקרימינאַציע באַזירט אויף געמיינזאַמען אָפּשטאַם אָדער עטנישע שטריכן (יאַנואַר 2023).
- U.S. Department of Education Office for Civil Rights (אַמט פאַר בירגעררעכט פונעם דעפּאַרטמענט פון דערציאונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן), פראַגעס און ענטפערס וועגן אויספיר פאַראָרדענונג 13899 (באַקעמפן אַנטיסעמיטיזם) און דורכפירונג מצד דעם אַמט פאַר בירגעררעכט פון טיטל זעקס פונעם בירגעררעכט אַקט פון 1964 January 2021).)
- U.S. Department of Education Office for Civil Rights (אַמט פאַר בירגעררעכט פונעם דעפּאַרטמענט פון דערציאונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן), ווייסט אייער רעכט: טיטל זעקס און ידיעות בלעטל וועגן רעליגיע (יאַנואַר 2017).
- U.S. Department of Education Office for Civil Rights (אַמט פאַר בירגעררעכט פונעם דעפּאַרטמענט פון דערציאונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן), ידיעות בלעטל וועגן באַקעמפן דיסקרימינאַציע קעגן אידישע שילער (יאַנואַר 2017).
- U.S. Department of Education Office for Civil Rights (אַמט פאַר בירגעררעכט פונעם דעפּאַרטמענט פון דערציאונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן), באַקעמפן דיסקרימינאַציע קעגן אַזיאַטיש־אַמעריקאַנער, איינגעבוירענע האַוואַיאַנער, און פּאַציפישע אינזלער ((AANHPI און מוסלמענישע, אַראַבישע, סיקכישע, און דרום אַזיאַטישע שילער (MASSA) (יוני 2016).
- U.S. Department of Justice Civil Rights Division Letter to U.S. Department of Education Office for Civil Rights(יוסטיץ דעפּאַרטמענט פון פ״ש, דיוויזיע פאַר בירגעררעכט, בריוו צו אַמט פאַר בירגעררעכט פונעם דעפּאַרטמענט פון דערציאונג פון די פ״ש), טיטל זעקס און דעקונג פון גרופּעס וואָס זייער רעליגיע לאָזט זיך אידענטיפיצירן (סעפּטעמבער 2010).
- U.S. Department of Education Office for Civil Rights (אַמט פאַר בירגעררעכט פונעם דעפּאַרטמענט פון דערציאונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן), טיטל זעקס און טיטל זיין רעליגיעזע דיסקרימינאַציע אין שולעס און קאָלעדזשן, טייערער קאָלעגע בריוו (סעפּטעמבער 2004).
- U.S. Department of Education Office for Civil Rights (אַמט פאַר בירגעררעכט פונעם דעפּאַרטמענט פון דערציאונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן), ערשטער אַמענטמענט, טייערער קאָלעגע בריוו (יולי 2003).


יעדער וואָס מיינט אַז אַ שולע האָט דיסקרימינירט קעגן אַ שילער וועגן ראַסע, קאָליר, אָדער נאַציאָנאַליטעט קען איינגעבן אַ דיסקרימינאַציע טענה ביים אַמט פאַר בירגעררעכט. כדי איינצוגעבן אַ טענה, באַזוכט https://www2.ed.gov/about/offices/list/ocr/complaintintro.html.

אַחוץ געזעצליכע און רעגולאַטאָרישע פּאָדערונגען אריינגענומען אין דעם דאָקומענט, האָט נישט דער אינהאַלט פון דער אָנווייזונג די גילטיגקייט פון געזעץ און צילט נישט צו בינדן דעם ציבור. די כוונה פון דעם דאָקומענט איז נאָר צו מאַכן קלאָרער פאַר׳ן ציבור די נושא פון דער פּאָליטיק פון דער אַגענטור און/אָדער אַנדערע פּאָדערונגען אונטער פעדעראַלע בירגעררעכט געזעצן.